42 זיי אַ לעבעדיקע. און דאָס איז באַקאַנט געוואָרן
איבער גאַנץ יפו, און אַ סך האָבן געגלויבט אין
43 דעם האַר. און עס איז געשען, אַז במשך פֿון
מערערע טעג איז ער איינגעשטאַנען אין יפו ביי
אַ געוויסן שמעון, אַ גאַרבער.

## קאַפּיטל צען

1 און עס איז געווען אַ מאַן אין קיסריה מיטן נאָמען
קאָרנעליוס, אַן אָפֿיציר פֿון דער אָפּטיילונג,
2 וואָס האָט געהייסן די איטאַליעניש, אַ פֿרומער
(מענטש) און אַ ירא־שמים מיט זיין גאַנץ בני־
בית, טוענדיק פֿיל צדקה צום פֿאָלק און תמיד
3 מתפּלל־זייענדיק צו ג־ט. ער האָט באַשיינפּערלעך
געזען אין אַ חזיון, ווי אַרום דער ניינטער שעה
פֿונם טאָג איז אַ מלאך פֿון ג־ט אַריינגעקומען
4 צו אים, און צו אים געזאָגט: קאָרנעליוס! און ער
האָט אַ בליק געטון אויף אים און זיך געפֿאָרכטן,
און געזאָגט: וואָס איז עס, האַר? און ער האָט צו
אים געזאָגט: דיינע תפילות און דיינע צדקות זענען
5 אַרויפֿגעקומען לזכרון פֿאַר ג־ט. און איצט שיק
מענער קיין יפו און לאָז רופֿן שמעונען, וועלכן
6 מען רופֿט פּעטרוס; ער שטייט איין ביי אַ געוויסן
7 שמעון, אַ גאַרבער, וועמעס הויז איז ביים ים. און
ווי דער מלאך, וואָס האָט גערעדט צו אים, איז אַוועק,
האָט ער גערופֿן צוויי פֿון זיינע דינער, און אַ ג־ט־
פֿאָרכטיקן זעלנער פֿון די, וועלכע זענען תמיד ביי
8 אים געווען; און האָט זיי אַלץ דערקלערט, און זיי
אַוועקגעשיקט קיין יפו.

9 און אויף צומאָרגנס, בשעת זיי זענען געווען אויפֿן
וועג, און האָבן זיך דערנענטערט צו דער שטאָט,